חקת תשפ"ה
גליון 244

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין
וואָס דאָ האָט זיך גיטאָן (שיהרה"ן ר"ט)

דער ריינער קוואל

## אָפּטוּן דעם צעדרייטן גייסט

אין מדרש די וואָך ווערט דערציילט וועגן אַ גוֹי וואָס האָט געפרעגט פון רבן יוֹחנן בן זכאי. וואָס איז די מאָדנע זאַכן וואָס איך טוען, עס קוקט אויס ווי אַ כּשוּף. איך נעמען אַ קו און פאַרברענען דאָס, מען צעמאָלט עס און מיט די אַש טראָפּעט מען עטליכע טראָפּנס אויף איינעם וואָס איז געוואָרן טמא דורכ'ן אָנכאַפּן אַ טויטן מענטש און מען זאָגט אים אַז ער איז טהור.

רבן יוֹחנן פרעגט דעם גוֹי: זאָג נאָר, ס'איז דיר קיינמאָל נישט אַריינגעקומען אַ צעדרייטע גייסט [רוּחַ תּזזית] אין קאָפּ וואָס מאַכט מען זאָל זיך אויפפירן ווי משוגע'נער?".

זאָגט דער גוֹי: "גראַדע יאָ!". "און וואָס טוען ענק צו היילן דעם משוגע'נעם גייסט?" פרעגט אים רבן יוֹחנן.

ענטפערט דער גוֹי: "מען נעמט וואָרצלען פון גרעזעלעך און מען רייכערט אַ פייער פון אונטן און מען שפּריצט וואַסער אויפן קראַנקן וואָס עס איז אים אַריין דעם שלעכטן רוּחַ און אַזוֹי אַרום אַנטלויפט דער רוּחַ!"

"זאָלן דיינע אויערן הערן די ווערטער וואָס קומען אַרויס פון דיין מויל", זאָגט אים רבן יוֹחנן. "יאָ, דער רוּחַ טוּמאה קען מען אָפּטון דורכן שפּריצן שפּרינג וואַסער און זי אַנטלויפט!!

דער גוֹי איז זיך געגאַנגען זיין וועג, אָבער די תּלמידים פון רבן יוֹחנן האָבן גלייך געפרעגט פונעם רבי'ן: "רבי, דעם גוֹי האָסטו גוט אָפּגעשטופּט מיט אַ שטרויענעם תּירוּץ אָבער מיר ווייסן דאָך אַז די וואַסער פון פּרה אדוּמה איז בכלל נישט גלייך צו די וואַסער וואָס די חברה נוצן פאַר די שלעכטע גייסט.

זאָגט רבן יוֹחנן: "זייט זיכער מיינע תּלמידים אַז נישט אַ מת איז מטמא און נישט דאָס וואָס ריינגט נאָר דער אויבערשטער האָט געזאָגט חוּקה חקקתּי, גזירה גזרתּי - זאת חוּקת התּוֹרה, אַזוֹי האָט גאָט באַפוילן עס איז אַ געזעץ און אַ גזירה פונעם הייליגן באַשעפער!

די פּרה אדוּמה איז געווען רויט וואָס ווייזט אויף 'שטאַרקע דינים', פון צווייטן זייט איז עס געווען תּמימה, וואָס ציילגט אויף אָפּגעשוואַכטע דינים. ר' נתן מיט זיין זיסע שפּראַך לערנט אונז, אויב ליגסטו אין שווערע דינים, אַלע סאָרטן שלעכטס קומט אויף דיר חס ושלום דאָס מיינט 'שטאַרקע דינים', דאַרף מען דאַן אָפּשוואַכן דעם דין אַז דו זאָלסט טרעפן אין דיר דעם תּמימה דיין ריינע פּינטעלע, עפּעס אַ נקודה טובה'לע וואָס האָט נישט קיין פעלער, עפּעס אין דיר וואָס איז שיין און ריין, זאָלסט חס ושלום זיך נישט פאַררעכענען ווי אַ גאַנצער רשע, אַ איד טאָר זיך נישט האַלטן ווי אַ רשע, זוג אויף דעם יוֹנה תּמתּי, דיין פּינטעלע איד, אַזוֹי וועט ווערן מטהר טמאים, פון טמאה ווערסטו

אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ טַהֲרָה.

דֶער לִמּוּד פוּן אֲזַמְּרָה אִיז אַ גֶעזֶעץ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס מִיט אוּנְזֶער גְרוֹיסֶער פַּארְשְׁטַאנְד גֵייט עֶס נִישְׁט אַרַיין אִין קָאפּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אִיבֶּערְגֶעפּוּלְט מִיט וֵוייטָאג אוּן הַאס קֶעגְן זִיךְ אָדֶער קֶעגְן דֶעם חַבֵר אוּן דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, גֵיי אַרַיין אִין צִימֶער, נֶעם אַפִּיר דַיין טָאג אוּן הֵייבּ אַרוֹיס דַיינֶע שֵׁיינֶע מַעֲשִׂימְ'לֶעך וָואס דוּ הָאסְטוּ גֶעטוּן, אֲפִילוּ מִיט אוּנְזֶער קָאפּ קֶען מֶען נִישְׁט פַּארְשְׁטֵיין וְוִיאַזוֹי אַזַא קְלֵיין נְקוּדָה קֶען מִיר אוּמְקֶערְן צוּ תְּשׁוּבָה, זָאגְט אָבֶער דֶער רֶבִּי דוּ פָּאלְג, טוּ דִי עֵצָה פוּן זוּכְן נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן סְ'אִיז מֻבְטָח אַז דוּ וֶועסְט דֶערְגְרֵייכְן צוּ אַלֶעם וָואס אַ אִיד דַארְף צוּקוּמֶען. ווִי ר' נָתָן שְׁרַייבְּט צוּ זַיין זוּן וֶועגְן דִי עֵצָה פוּן אֲזַמְּרָה "וְאִם לֹא הָיִינוּ שׁוֹמְעִים מִמֶּנּוּ כִּי אִם הַתּוֹרָה אֲזַמְּרָה לֵאלֹקַי בְּעוֹדִי דַּיֵּנוּ, כִּי יֵשׁ בּוֹ דַּי לְהַחֲיוֹת עַצְמֵנוּ עַל יְדֵי הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה הַזֹּאת, כָּל יְמֵי חַיֵּינוּ, וְלִזְכּוֹת עַל יְדֵי זֶה לְחַיֵּי עוֹלָם לָנֶצַח – אוֹיבּ וָואלְט מִיר נִישְׁט גֶעהֶערְט נָאר דִי תּוֹרָה אֲזַמְּרָה, דַּיֵּנוּ, וַוייל מִיט דִי תּוֹרָה קֶען מֶען זִיךְ אוֹיפְלֶעבְּן אַ גַאנְצֶע לֶעבְּן אוּן זוֹכֶה זַיין צוּם אֵייבִּיגְן לֶעבְּן!!

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מֶען גְרֵייט זִיךְ בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם אוֹיפְן שַׁבָּת שִׁפְכִי וֶוען אַלֶע בְּרֶסְלֶבֶ'ע אִידְן אִיבֶּער דֶער וֶועלְט וֶועלְן דֶעם שַׁבָּת זִיךְ בַּאנַייעֶן מִיט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, לָאמִיר שׁוֹין מַאכְן דִי הֲכָנָה אוּן זִיךְ נֶעמֶען צוּ דִי זִיסֶע עֵצָה אוּן גְלֵייבְּן אַז בְּכֹחַ הַצַּדִּיק וֶועלְן מִיר זִיךְ רֵיינִיגְן פוּן אַלֶע טֻמְאוֹת אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אַ רוּחַ טַהֲרָה.

# דער בלינדער אין מאסקווע

אִין אוּמַאן אִיז גֶעלֶעגְן גֶעשְׁרִיבֶּענֶע 'תַּקָּנוֹת' פוּן רֶבִּי נָתָן מִיט דִי תַּלְמִידִים, אַ סֵדֶר וָואס מֶען דַארְף לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אוּן נָאךְ עֲבוֹדוֹת... ר' נָתָן הָאט גֶעהַאט תַּלְמִידִים – חֲבֵרִים, מֶען רוּפְט עֶס 'תַּלְמִיד חָבֵר', אַזֶעלְכֶע סָארְט גֶעוַואלְדִיגֶע תַּלְמִידִים הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעהַאט.

צְווִישְׁן דִי תַּקָּנוֹת אִיז גֶעוֶוען – תַּקָּנוֹת אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם – "אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג צְוֵויי פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת", דָאס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אִין דִי תַּקָּנוֹת! אַז מֶען זָאל מְצַמְצֵם זַיין דִי עֲבוֹדָה צוּטוּן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה – אִין דִי עֲבוֹדָה אִיז מְצֻמְצָם גֶעוָוארְן 'לֶערְנֶען'!

ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער דִי תַּקָּנוֹת אַזוֹי: "אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶעזֶעהְן, אִין אוּמַאן זֶענֶען גֶעוֶוען דִי כִּתְבֵי יָד, אָדֶער גָאר אִין בְּרֶסְלֶב. "נַאשְׁקֶע עָלָיו הַשָּׁלוֹם" [זיין נאמען איז געווען נַחְמָן אָן אוּר אֵיינִיקְל פוּן ר' נָתָן זַ"ל] הָאט דַאכְט זִיךְ מִיר גֶעהַאט דֶעם כְּתָב, אוּן מֶען הָאט עֶס מִיר

דֶערְצֵיילְט, מֶען הָאט אִין אוּמַאן גֶעווּאוּסְט דֶערְפוּן.

דִי הִתְקַשְּׁרוּת וָואס דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן גֶעהַאט צְווִישְׁן זִיךְ אִיז גֶעוֶוען פוּן 'עֲבוֹדָה' - אוּן אִין דִי עֲבוֹדָה אִיז גֶעוֶוען מְלֻבָּשׁ "בַּעַל-בַּתִּי'שֶׁע זַאכְן"! גְרִינְגֶע לִמּוּדִים דָאס הֵייסְט "בַּעַל-בַּתִּי'שֶׁע זַאכְן"; 'מִשְׁנָיוֹת', 'תְּהִלִּים'...

דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן פַאר רֶבִּי נָתָן בַּיים אָנְהוֹיבּ הִתְקָרְבוּת אַז עֶר זָאל לֶערְנֶען "אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת" יֶעדְן טָאג "אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת"! אוּן דֶער פָאטֶער פוּן ר' נָתָן אִיז גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן דֶערְפוּן, הָאט דֶער פָאטֶער גֶעזָאגְט: "מַיין נָתָן'לֶע הֵייסְט עֶר זָאל לֶערְנֶען אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת"?! ס'הָאט גֶעהֵייסְן אַמָאל "אַכְצְן פְּרָקִים", אַן אַלְטֶער אִיד וָואס עֶר הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּהְן, לֶערְנְט 'אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת', אָבֶער אַ אִיד וָואס אִיז אַ יוּנְגֶערְמַאן אוּן אַ תַּלְמִיד חָכָם אִיז בַּיים פָאטֶער אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַזוֹי ווִי אַ גֶעלֶעכְטֶער! "מַיין נָתָן'לֶע הֵייסְט עֶר לֶערְנֶען אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת"?! ר' נָתָן פְלֶעגְט אַרַיינְלוֹיפְן מַשְׁלִים זַיין דִי מִשְׁנָיוֹת!

אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן פַאר ר' נָתָן לֶערְנֶען 'אַכְצְן פְּרָקִים' - ווֵייס אִיךְ נִישְׁט צוּ עֶר הָאט גֶעהֵייסְן לֶערְנֶען 'אַלֶעמָאל', ס'קֶען זַיין בַּיים אָנְהוֹיבּ הִתְקָרְבוּת אִיז אַזוֹי גֶעוֶוען, אִיךְ ווֵייס נִישְׁט צוּ ס'אִיז גֶעוֶוען אוֹיף כְּסֵדֶר אַזוֹי.

בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט הָאבּ אִיךְ גֶעקֶענְט אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אַכְצְן פְּרָקִים - אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען אִין כַּארְקָאווּ, רֶבִּי נָתָן'ס אַן אֵיינִיקְל, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ בַּעַל בַּתִּי'שֶׁער אִיד, יֶעדְן טָאג נָאכ'ן דַאוֶוענֶען פְלֶעגְט עֶר לֶערְנֶען אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן נִישְׁט אוֹיסְגֶערֶעדְט אִינְדֶערְמִיט! עֶר הָאט נִישְׁט מַפְסִיק גֶעוֶוען אִינְדֶערְמִיט, אוּן עֶר שׁוֹין גֶעוֶוען אַזוֹי רָגִיל.

עֶר אִיז גֶעוֶוען רֶבִּי נָתָן'ס אַן אֵיינִיקְל, חַנָּה צִירְל'ס [טָאכְטֶער פוּן ר' נָתָן] אַן אֵיינִיקְל גֶעוֶוען, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ וואוּילֶער אִיד, עֶר פְלֶעגְט קוּמֶען קֵיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, גֶעוואוֹינְט הָאט עֶר אִין כַּארְקָאווּ מִיט אַ קִינְד, הָאט מִיר דֶער זוּן גֶעזָאגְט אַז דֶער טַאטֶע אִיז שׁוֹין יָארְן אַזוֹי יָארְן צוּגֶעווֹאוֹינְט, נָאכ'ן דַאוֶוענֶען לֶערְנְט עֶר אַכְצְן פְּרָקִים אוּן אִיז גָארְנִישְׁט מַפְסִיק אִינְדֶערְמִיט!

עֶר פְלֶעגְט הָאבְּן נָאךְ לִמּוּדִים, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ וואוּילֶער אִיד, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז ס'אִיז יֶעדְן חֹדֶשׁ אַזוֹי, אַ חֶשְׁבּוֹן דָארְט - אַז יֶעדְן חֹדֶשׁ גֵייט עֶר אָפּ דִי 'שִׁשָּׁה סְדָרִים מִשְׁנָיוֹת'!.

ס'אִיז גֶעוֶוען קְנָסוֹת בַּיי דִי תַּקָּנוֹת. ס'אִיז אַזוֹי גֶעוֶוען דִי סֵדֶר פוּן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת. אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר הָאט אַ שִׁיעוּר פוּן צְוֵויי פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, אִיז דָא אַ חֶשְׁבּוֹן אַז מֶען קֶען אַרִיבֶּערְגֵיין דוּרְכ'ן יָאר - אַנְדֶער-הַאלְבְּן מָאל דִי גַאנְצֶע שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן אַז ס'וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין עֶטְלִיכֶע יָאר, קֶען עֶר לֶערְנֶען 'צְוֵויי פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת' אַז עֶר זָאל פַארְשְׁטֵיין, וֶועט עֶר שְׁפֶּעטֶער קֶענֶען לֶערְנֶען 'פִיר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת' אַ טָאג, אוּן עֶר וֶועט שׁוֹין מֶער פַארְשְׁטֵיין, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט עֶר קֶענֶען לֶערְנֶען 'אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת' אוּן גוּט פַארְשְׁטֵיין, אוּן ס'קֶען אִים גֶעדוֹיעֶרְן דִי אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת בְּעֵרֶךְ אַ 'שָׁעָה' - אֶפְשָׁר אַנְדֶער-הַאלְבְּן שָׁעָה! אוּן עֶר זָאל גוּט פַארְשְׁטֵיין, אוּן עֶר זָאל גוּט פַארְשְׁטֵיין!

אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ ווִיל הָאבְּן אַן עֲבוֹדָה פוּן 'אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת' אוֹיף דֶער עֶלְטֶער, זָאל עֶר נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף דֶער עֶלְטֶער, עֶר זָאל אָנְהוֹיבְּן פְרִיעֶר לֶערְנֶען נָאר צְוֵויי פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן עֶר

המשך אויף זייט 10

# א׳ ב׳ ביים רבין / אין / חדר



## אֶמֶת

לָאמִיר מִיר אַצִינְד כַאפְּן אַ בְּלִיק אִין שְׁטֶעטְל גְרָאדְזִיסְק:

עֶס קָאכְט זִיךְ אוֹיף קֶעסְל אוּן כֵּלִים. וָואס אִיז הַיינְט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ וִוי סְתַּם אַ גְרִינֶעם דִינְסְטָאג?

דֶער גוּבֶּערְנַאטָאר גְרֵייט זִיךְ צוּ בַּאזוּכְן דָא אִין שְׁטָאט. אַזַא שִׂמְחָה אַזַא פְרֵייד! מֶען מַאכְט גְרוֹיסֶע הֲכָנוֹת. דִי גַאסְן וֶוערְן אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט, שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעזֶען דִי הוֹיפְן אַזוֹי רֵיין.

דֶער גוּבֶּערְנַאטָאר – אִין דִי הוֹיכֶע יָארְן אִיז עֶר, בַּאוָואקְסְן מִיט אַ וַוייס בֶּערְדְל. דָא אִין שְׁטָאט אִיז עֶר זֵייעֶר גֶעעֶרְט אוּן גֶעשֶׁעצְט, בַּיי דִי אִידְן אוּן לְהַבְדִיל בַּיי דִי גוֹיִם. אַלֶע גְרֵייטְן זִיךְ אוֹיף דֶעם גְרוֹיסְן טָאג, וֶוען עֶר וֶועט קוּמֶען דָא בַּאזוּכְן.

דֶער טָאג אִיז עֶנְדְלִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען, דֶער גוּבֶּערְנַאטָאר פָארְט אַרוּם מִיט זַיין וָואגְן אִין שְׁטָאט, דִי אִידִישֶׁע גֶעמֵיינְדֶע אִין שְׁפִּיץ פוּן דִי חָשׁוּבֶ׳ע רָאשֵׁי קְהִלָּה הָאבְּן אִים פַארְבֶּעטְן צוּ קוּמֶען אִין שְׁטָאטִישְׁן שׁוּל, אִים אָפְּצוּגֶעבְּן זַיין פַארְדִינְטְן כָּבוֹד.

אוֹיפְן בִּימָה שְׁטֵייט אַ כָאר פוּן קִינְדֶער מְנַגְּנִים, קִינְדֶער אִין גַאנְץ אִינְגְן עֶלְטֶער, אֵיינֶער פוּן דִי קִינְדֶער הֵייסְט לֵוִי יִצְחָק – אַ קִינְד פוּן זֶעקְס יָאר אַלְט, פוּן דִי אִינְגֶע שֵׁיינֶע קוֹל׳כְלֶעך פוּן שְׁטָאט, עֶר וֶועט אוֹיךְ זִינְגֶען לְכָבוֹד דֶעם גְרוֹיסְן מַעֲמָד.

דֶער רָב פוּן שְׁטָאט אִיז מְכַבֵּד גֶעוָוארְן צוּ גֶעבְּן אַ דְרָשָׁה אוּן מְקַבֵּל פָּנִים זַיין דֶעם גוּבֶּערְנַאטָאר, דֶער רָב, אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם, אַלֶע זַיינֶע טֶעג גִיבְּט עֶר אַוֶועק פַאר תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, אַ צַדִיק אוּן אַ גְלַייכֶער אִיד, אָבֶּער דָאס אָרִימְקַייט שְׁרֵייט אוֹיךְ אַרוֹיס פוּן אִים. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַלֵיינְס אַז עֶר וֵוייסְט

נִישְׁט פוּן דִי אַלֶע פְּרֶעמְדֶע פָּארְמַאלִיטֶעטְן. אוּן פוּן חִיצוֹנִיתְ׳דִיגֶע טַאקְט וַוייסְט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט צוּפִיל צוּ זָאגְן, אֲפִילוּ דִי פּוֹילִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ קֶען עֶר זִיךְ קוֹים אַרוֹיסְקְרַאצְן. דִי רָאשֵׁי הַקְהִלָּה הָאבְּן גֶעמוּזְט אִיבֶּערְטַייטְשְׁן פַּאר גוּבֶּערְנַאטָאר ־ וֶועלְכֶער פַּארְשְׁטֵייט אַוַודְאַי נִישְׁט קַיין אִידִישׁ – דִי ווּאוּנְטְשְׁן פוּן דֶעם רָב אוֹיף פּוֹילִישׁ, דָאס בִּיסְל פּוֹילִישֶׁע וֶוערְטֶער הָאט דֶער רָב אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט קְלָאר אַרוֹיס בְּרֶענְגֶען. דֶער רָב עֶנְדִיגְט זַיין רֶעדֶע שְׁטַאמְלְדִיג, וֶוען עֶר נֶעמְט דָאס עֶק פוּן זַיין רֶעקְל, אוּן אַנְטְקֶעגְן דֶעם גַאסְט אוּן דֶער גַאנְצֶער צִבּוּר, וִוישְׁט עֶר אָפּ זַיין שְׁוַוייס פוּן זַיין פָּנִים אוּן נָאז...

מֶען קֶען אַלֵיין פַארְשְׁטֵיין דִי גֶעפִילְן וָואס דִי גַאסְט גֶעבֶּער ־ דִי גַבָּאִים אוּן חָשׁוּבֶ׳ע לַייט פוּן שְׁטָאט הָאבְּן דַאן גֶעפִילְט, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעוָואלְט בַּאגְרָאבְּן פַּאר בּוּשָׁה נִישְׁט צוּ כַאפְּן אַ בְּלִיק אוֹיפְן אוֹיפְגֶעקְלֶערְטְן גַאסְט... נִישְׁט נָאר דִי בּוּשָׁה וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט, נָאר אַ שְׁרֶעק נָאךְ אַזַא סָארְט אוֹיפְפִירוּנְג קֶען נָאךְ דֶער גוּבֶּערְנַאטָאר וַוארְפְן גָאר אַ שְׁלֶעכְטְן בְּלִיק אוֹיף אַלֶע אִידְן, וָואס דִי בַּאצִיאוּנְגֶען מִיט זֵיי בִּיז הַיינְט אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוֶוען דָאס בֶּעסְטֶע.

וִוי נָאר דֶער רָב עֶנְדִיגְט צוּ זַיינֶע רֵייד, הָאט דֶער גוּבֶּערְנַאטָאר זִיךְ וָוארִים גֶעזֶעגְנְט, אוּן בַּאדַאנְקְט דִי רָאשֵׁי קְהִלָּה פַּאר דִי אוֹיפְנַאמֶע. יֶעצְט גֵייט עֶר בַּאזוּכְן לְהַבְדִיל בַּיי דִי גוֹיִשֶׁע קְלוֹיסְטֶערְס וִוי זֵיי אַנְטְפַאנְגֶען אִים מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד אוּן עֶהְרֶע. דָארְט שְׁטַארְצְט אַרוֹיס דִי רַייכְקַייט אוּן פְּרֶעכְטִיגְקַייט, אַלֶע גֵייעֶן הֶערְלִיך אָנְגֶעטוּן, וֶוען אַלֶעס אַרוּם גְלַאנְצְט אוּן שְׁפִּיגְלְט, אוֹיךְ דִי רֶעדְנֶערְס גִיסְן אַרוֹיס חֲנוּפָה׳דִיגֶע רֵייד מִיט אַ גֶעשְׁלִיפֶענֶע הוֹיכְגֶעשֶׁעצְטֶע שְׁפְּרַאךְ.

נָאכְן זִיךְ אָפְּגֶעזֶעגֶענֶען פוּן אַלֶע זַיינֶע וִויזִיטְן הָאט דֶער גִיבֶּערְנַאטָאר צַאמְגֶענוּמֶען אַלֶע אַיינְווּאוֹינֶער אוּן אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן זַיינֶע בַּאאַיינְדְרוּקְן אוּן זִיךְ אַזוֹי אָנְגֶערוּפְן:

"טְרָאץ וָואס בַּיי דִי קְרִיסְטְן הָאט אַלֶעס גֶעגְלַאנְצְט אוּן גֶעשְׁפִּיגְלְט, אִין דִי קִירְכֶע הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען שֵׁיינְקַייט אוּן רַייכְקַייט, אָבֶּער בַּיי דִי אִידִישֶׁע סִינַאגָאגֶע (שוּל) הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען דֶעם אֱמֶת!"

אוּן אַזוֹי פְלֶעגְט דָאס אִינְגְל לֵוִי יִצְחָק ־ וֶועלְכֶער אִיז שְׁפֶּעטֶער בַּאקַאנְט גֶעוָוארְן אַלְס ר׳ לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זִיךְ אַרוֹיסְדְרוּקְן: **"דָארְט אִיז גֶעוֶוען שֵׁיין אָבֶּער דָא אִיז גֶעוֶוען אֱמֶת".**

**דָאס מֵיינְט אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיף דִי "שֶׁענֶער" פַארְן "אֱמֶת"...**

אוֹיבּ ווִיל אַ אִיד וֶוערְן זֵייעֶר נָאנְט צוּ בַּאשֶׁעפֶער וָואס עֶר אִיז נָאר אֱמֶת אוּן גוּט, דַאן זָאלְסְטוּ זִיךְ הִיטְן פוּן זָאגְן לִיגְנְט אוּן רֶעדְן נָאר אֱמֶת אוּן זַיין אַן אֱמֶתְ׳ער מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וֶועסְטוּ וֶוערְן נִכְלָל – גָאר נָאנְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וַוייל **דֶער אֱמֶת אִיז נָאר אֵיינְס** (לויט תורה נ"א

**דִי מִדָּה פוּן נִצָּחוֹן קֶען נִישְׁט סוֹבֵל זַיין דֶעם אֱמֶת!** דָאס מֵיינְט אוֹיבּ אֵיינֶער ווִיל גֶעווִינֶען אָדֶער אוֹיסְפִירְן עֶפֶּעס, אֲפִילוּ מֶען וֶועט אִים וַוייזְן דֶעם קְלָארְן אֱמֶת פַאר זַיינֶע אוֹיגְן וֶועט עֶר דָאס אָפְּטוּן אוּן אָפְּוַוארְפְן וַוייל עֶר ווִיל מְנַצֵחַ זַיין – עֶר ווִיל אוֹיסְפִירְן. דֶערִיבֶּער אוֹיבּ ווִילְסְטוּ ווִיסְן דֶעם אֱמֶתְ׳ן אֱמֶת, דַארְפְסְטוּ אַוֶועקְרִיקְן דִי מִדָּה פוּן נִצָּחוֹן אוּן נָאר דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ קֶענֶען זֶען דֶעם אֱמֶת אוֹיבּ ווִילְסְטוּ טַאקֶע נָאר דֶעם אֱמֶת. (לויט תורה קכ"ב)




# רבי נתנ׳ס קינדער יארן

וויניג דעטאלן זענען פאראהאן פון רבי נתנ׳ס אור-עלטערן, אבער דאס ביסל וואס מען ווייסט איז אז רבי נתן שטאמט פון גאר א מיוחס׳דיגע משפחה, וואס תורה און גדולה האבן זיך פאראייניגט ביי זיי פאר פיל דורות און אן א שיעור גאונים, צדיקים און גרויסע רבנים, ווי אויך פרנסים און ראשי קהילה זענען ארויסגעקומען פון זיי.

חמשה עשר בשבט. דער טאג ווען די פירות ווערן געבענטשט איז אראפגעקומען אויף דער וועלט א פרי עץ הדר! יא, קינדער, איר האט גוט צוגעטראפן וועמען מיר מיינען. אום שבת קודש, פרשת בשלח, שנת תק״מ איז רבי נתן געבוירן צו זיינע חשוב׳ע עלטערן הגאון הנגיד הנכבד רבי נפתלי הירץ שטערנהארץ זצ״ל און האשה החשובה חי׳ לאנע ע״ה.

רבי נתן ערקלערט איבער דעם גרויסן כח פון חודש שבט – דער עלפטער חודש פון יאר - צו צעברעכן די כוחות הטומאה. מיר וועלן נישט דא אריינגיין אין פרטים פון קבלה און סודות התורה וואס רבי נתן איז מסביר, פאר אונז איז גענוג צו וויסן אז רבי נתן איז געבוירן געווארן אין א חודש וואס איז מסוגל צו צעברעכן די קליפות.

אויך דער רבי רעדט ארום עטליכע רמזים וואס האבן א שייכות צו רבי נתנ׳ס געבורטסטאג אום חודש שבט ווען די לבנה איז גאנץ, אזוי אויך ברענגט דער רבי אין זיין תורה א רמז צו שושן פורים וואס איז דרייסיג טעג נאך רבי נתנ׳ס געבורטסטאג.

און ס׳איז אינטערעסאנט צו באמערקן אז אין חודש שבט זענען פארגעקומען עטליכע באדייטפולע ערשיינונגען וואס האבן איבערגעלאזט א שטארקע השפעה אויפן צוקונפט פון די ברסלב׳ער חסידות:

1- אין חודש שבט, יאר תקע״א איז פארגעקומען די ערשטע נסיעה פון חסידים קיין אומאן צום רבינ׳ס ציון נאך דער פטירה (וואס מיר וועלן בעזר השם שילדערן ווען מען וועט האלטן דארט), וואס דאס האט אראפגעשטעלט א יסוד פאר די קומענדיגע דורות. קינדער, קענען מיר דען ציילן וויפיל נאך נסיעות האבן נאכגעפאלגט יענעם ערשטע נסיעה ביז צום היינטיגן טאג? ס׳איז שווער זיך פארצושטעלן וויפיל טויזנטער

# אונטערוועגנס

און טויזנטער נסיעות זענען פארקומען דורך אנשים נשים וטף...

2- אום חודש שבט האט מען צום ערשטן מאל אנגעצינדען דעם נר תמיד ביים רבינ'ס ציון וואס ברענט נאך ביז היינט, מיט א קורצע הפסקה אינצווישן ווען די קאמוניסטן האבן ליידער געהערשט דארט.

3- נאך פיל מי און פלאג וואס רבי נתן האט אריינגעלייגט צו דרוקן דעם רבינ'ס ספרים, האט ער ענדליך דערגרייכט זיין ציל צו עפענען אן אייגענעם דרוק און אזוי ארום פארגרינגערן די ארבעט. און טייערע קינדער, וואס קלערט איר, ווען איז געווען די גליקליכע טאג וואס מען האט באנייט דעם דרוק? אין אנדערע ווערטער, ווען האט מען געדרוקט דעם ערשטן בלאט אין רבי נתנ'ס דרוקעריי? ט"ו בשבט! אין טאג פון רבי נתנ'ס געבורטס טאג!

*

פון קליינערהייט אן האט זיך שוין אנגעזען אויף רבי נתן אז דא וואקסט א קינד עפעס גאר ספעציעל. נתלע, ווי מען האט אים גערופן מיט ליבשאפט, איז געווען געבענטשט מיט א געוואלדיגע עילוי'שע קאפ און האט פארמאגט א זעלטן לויטער הארץ. און פון נתלע'ס געוואלדיגע מידות טובות קענען מיר גארנישט רעדן. ער האט זיך בכלל נישט גרויס געהאלטן מיט זיינע אלע גוטע מעלות, נאר פארקערט, ער האט זיך געפירט מיט א געוואלדיגע ענוה צו זיינע חברים און עלטערע ובפרט צו זיינע עלטערן.

רבי נתן איז באוואוסט געווען אלס אויסערגעווענליכער זריז וואס דאס האט זיך שוין אנגעזען ביי דעם קליינעם נתלע. יעדע פליכט וואס ער האט געברויכט טון, האט ער אויסגעפירט מיט א זעלטן שנעלקייט.

קינדער, לאמיר נעמען א ביישפיל: אז נתלע האט געברויכט אויפשטיין צו גיין צום מלמד לערנען, איז ער אראפגעשפרינגען פון בעט, זיך געוואשן נעגל וואסער, אין אן אויגנבליק זיך אנגעטון. קוים וואס זיין מאמע האט זיך געגעבן א דריי אויס, איז ער שוין געווען גרייט צו קיין לערנען די הייליגע תורה.

ווען נתלע איז אביסל עלטער געווארן און האט שוין אנגעהויבן צו פארשטיין זאכן, האט ער אליין געוואלט דערגיין דעם אמת אין יעדע זאך. ער האט נישט געקענט באגרייפן ווען עפעס איז נישט הונדערט פראצענט אמת'דיג. קיין ליגנט האט ער זיכער נישט געזאגט, אבער אפילו פון זאכן זענען געווען כמעט ריין פון ליגענט האט ער זיך אויך דערווייטערט.

פון נתלע'ס גאנצע אויפפירונג האט מען געקענט באמערקן א שטארקע יראת שמים. ער האט נישט געטון סתם קינדערישע מעשיות, נאר יעדע זאך האט ער אריינגעטראכט צו מען טאר אדער נישט.

נישט אומזיסט האבן צדיקים עדות געזאגט אויף דעם הייליג קינד אז ער איז א נייע נשמה. פונקט וואס דאס מיינט איז צו הויך פאר אונזערע קליינע מוחות צו באגרייפן. וואס מיר ווייסן יא לויט ספרי קבלה איז אז רוב נשמות אויף דער וועלט זענען גלגולים פון פריערדיגע נשמות וואס האבן ליידער געזינדיגט און זענען צוריקגעקומען אויף די וועלט צו מתקן זיין די עבירות. אבער רבי נתנ'ס נשמה איז געווען א נייע און א ריינע.

אט די ריינע נשמה האט פאר אונז אויסגעטראטן א לאנגע קייט פון ספרים און חיזוק מיט וואס מיר וועלן בעזר השם קענען דערנענטערן די גאולה שלימה בב"א.

# מַעֲשֶׂה ג – דֶער הִינְקֶעדִיגֶער

[א] מַעֲשֶׂה: אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ חָכָם! – פַאר זַיין טוֹיט, הָאט עֶר גֶערוּפְן זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן זַיין מִשְׁפָּחָה, אוּן הָאט זֵיי גֶעלָאזְט צַוָואָה: אַז זֵיי זָאלְן אָנְטְרֶערְנְקְן בֵּיימֶער! אִיר מֶעגְט עוֹסֵק זַיין [זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְן] אִין אַנְדֶערֶע פַּרְנָסוֹת אוֹיךְ, נָאר דָאס זָאלְט אִיר זֶעהְן תָּמִיד [שְׁטֶענְדִיג] צוּ טָאן, אָנְצוּטְרֶערְנְקֶען בֵּיימֶער!

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער חָכָם גֶעשְׁטָארְבְּן, אוּן הָאט גֶעלָאזְט [אִיבֶּערְגֶעלָאזְט] קִינְדֶער! – אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט אֵיין זוּהְן, וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין! – שְׁטֵיין הָאט עֶר יָא גֶעקֶענְט, נָאר גֵיין הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט [עֶר אִיז גֶעוֶוען הִינְקֶעדִיג]!

פְּלֶעגְן אִים דִי בְּרוּדֶער גֶעבְן סִיפּוּק אוֹיף זַיין פַּרְנָסָה [שְׁפַּייזְן אוּן אוֹיסְהַאלְטְן] – אוּן זֵיי הָאבְּן אִים אַזוֹיפִיל גֶעגֶעבְן, בִּיז עֶס אִיז אִים נָאךְ אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן!

הָאט עֶר [דֶער דָאזִיגֶער זוּהְן וָואס הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין], זִיךְ צוּם אוֹיפְגֶעזַאמְלְט [צוּנוֹיפְגֶעזַאמְלְט] בִּיסְלֶעכְוֵוייז, [פוּן] דָאס וָואס עֶס אִיז אִים אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן [אִיבֶּעריג] חוּץ [פוּן זַיין] פַּרְנָסָה – בִּיז עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעזַאמְלְט [אַ סְכוּם פוּן] אַסַאךְ גֶעלְט!

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: נָאךְ וָואס [פַּארְוָואס] זָאל אִיךְ בַּיי זֵיי קִצְבָּה [אַ גֶעהַאלְט] נֶעמֶען? בֶּעסֶער וֶועל אִיךְ אָנְהֵייבְּן [עֶפֶּעס] מַשָׂא־וּמַתָּן צוּ טָאן [הַאנְדְלְן]!

אוּן כָאטְשֶׁע עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין, הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: [אַז] עֶר וֶועט זִיךְ דִינְגֶען אַ פוּהְר [וָואגְן], מִיט אַ נֶאֱמָן [בַּאגְלֵייבְּטֶער מֶענְטְשׁ צוּ פִירְן דִי הַאנְדְל], מִיט אַ בַּעַל־עֲגָלָה; אוּן וֶועט מִיט זֵיי פָארְן קַיין לֵייפְּצִיג – וֶועט עֶר קֶענֶען פִירְן דֶעם מַשָׂא־וּמַתָּן, כָאטְשֶׁע עֶר קֶען נִישְׁט גֵיין!

וִוי דִי מִשְׁפָּחָה הָאט דָאס דֶערְהֶערְט, אִיז דָאס זֵיי זֵייעֶר וואוֹיל־גֶעפֶעלְן! – אוּן [זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ גֶעזָאגְט: נָאךְ וָואס [פַּארְוָואס] זָאלְן מִיר אִים גֶעבְן הַסְפָּקָה [גֶעהַאלְט]? בֶּעסֶער לָאז [זָאל] עֶר זִיךְ מַאכְן אַ פַּרְנָסָה! – אוּן [זֵיי] הָאבְּן אִים נָאךְ צוּגֶעלִיגְן [פַּארְבָּארְגְט] גֶעלְט, כְּדֵי עֶר זָאל קֶענֶען פִירְן דֶעם מַשָׂא־וּמַתָּן!

[ב] הָאט עֶר אַזוֹי גֶעטָאן, אוּן הָאט זִיךְ גֶעדִינְגֶען אַ פוּהְר [וָואגְן], אוּן אַ נֶאֱמָן [בַּאגְלֵייבְּטֶער מֶענְטְשׁ צוּ פִירְן דִי הַאנְדְל], אוּן אַ בַּעַל־עֲגָלָה! – אוּן אִיז גֶעפָארְן, אוּן אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אַ קְרֶעטְשְׁמֶע!

הָאט דֶער נֶאֱמָן גֶעזָאגְט: אַז מְזָאל דָארְט נֶעכְטִיגְן! – הָאט עֶר [דֶער הִינְקֶעדִיגֶער] נִישְׁט גֶעוָואלְט וָואס זֵיי הָאבְּן אִים גֶעבֶּעטְן, [אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַיינְגֶעבֶּעטְן בַּיי אִים], אוּן עֶר הָאט זֵיי אִיבֶּערְגֶעשְׁפַּארְט [גֶעעַקְשְׁנְט]!

זֶענֶען זֵיי אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן דָארְט, אוּן זֶענֶען פַארְבְּלָאנְדְזֶעט גֶעוָוארְן אִין אַ וַואלְד! זֶענֶען [אוֹיף] זֵיי אָנְגֶעפַאלְן גַזְלָנִים!

אוּן דִי [דָאזִיגֶע] גַזְלָנִים, זֶענֶען גֶעוָוארְן עַל־פִּי מַעֲשֶׂה: - עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען [אַ] הוּנְגֶער – אִיז אֵיינֶער גֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט אַרַיין, אוּן הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן: וֶוער עֶס וִויל עֶסְן, זָאל צוּ אִים קוּמֶען! - זֶענֶען צוּ אִים גֶעקוּמֶען [זִיךְ פַארְזַאמֶעלְט], כַּמָה [אַסַאךְ] מֶענְטְשְׁן!

הָאט עֶר [גֶעמַאכְט אַ שְׁווִינְדְל, אוּן זֵיי נִישְׁט גֶעגֶעבְן צוּ עֶסְן – דְהַיְינוּ: עֶר הָאט] גֶעזֶעהְן [דֶערְצוּ: אַז בַּיי

דִי מֶענְטְשְׁן וָואס [עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז זֵיי קוּמֶען אִים נִישְׁט צוּנִיץ, הָאט עֶר זֵיי מַדְחֶה גֶעוֶועןן [אָפְּגֶעשְׁטוֹיסְן]! – צוּ אֵיינֶעם הָאט עֶר גֶעזָאגְט: דוּ קֶענְסְט זַיין אַ בַּעַל־מְלָאכָה! אוּן צוּ דֶעם [אַנְדֶערְן] הָאט עֶר גֶעזָאגְט: דוּ קֶענְסְט זַיין אִין אַ מִיל!

אוּן [עֶר] הָאט אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן נָאר קְלוּגֶע יוּנְגְן! – אוּן אִיז מִיט זֵיי גֶעגַאנְגֶען אִין וַואלְד אַרַיין, אוּן הָאט זֵיי אָנְגֶערֶעדְט: אַז זֵיי זָאלְן וֶוערְן גַזְלָנִים! בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] פוּן דַאנֶעט [דָא] גֵייעֶן וֶועגְן קַיין לֵייפְּצִיג אוּן קַיין בְּרֶעסְלָא אוּן צוּ אַנְדֶערֶע עֶרְטֶער, פָאְרן דָא דוּרְךְ סוֹחְרִים, וֶועלְן מִיר זֵיי רַאבֶּעוֶועןן [בַּארוֹיבְּן], וֶועלְן מִיר הָאבְּן [זִיךְ זַאמְלֶען] גֶעלְט! (אַזוֹי הָאט דֶער גַזְלָן וָואס הָאט פְרִיעֶר אוֹיסְגֶערוּפְן אִין שְׁטָאט, זֵיי אָנְגֶערֶעדְט).

זֶענֶען דִי [דָאזִיגֶע אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] גַזְלָנִים אָנְגֶעפַאלְן אוֹיף זֵיי (דְהַיְינוּ: אוֹיף דֶעם [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן זוּהְן, דֶער הִינְקֶעדִיגֶער] וָואס הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין, אוּן אוֹיף זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, דְהַיְינוּ: דֶער נֶאֱמָן, מִיט דֶעם בַּעַל־עֲגָלָה).

דֶער נֶאֱמָן אוּן דֶער בַּעַל־עֲגָלָה [וָואס] הָאבְּן גֶעקֶענְט אַנְטְלוֹיפְן, זֶענֶען זֵיי אַנְטְלָאפְן גֶעוָוארְן! – אוּן עֶר [דֶער הִינְקֶעדִיגֶער], אִיז גֶעבְּלִיבְּן אוֹיף דֶעם וָואגְן!

זֶענֶען דִי גַזְלָנִים צוּ אִים גֶעקוּמֶען, אוּן הָאבְּן בַּיי אִים אַוֶועקְגֶענוּמֶען דָאס קֶעסְטְל מִיט גֶעלְט! – אוּן הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט: [פַארְ וָואס זִיצְטוּ?! – הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: [אַז עֶר קֶען נִישְׁט גֵיין! - אוּן זֵיי הָאבְּן בַּיי אִים גֶעַרַאבֶּעוֶועט [בַּארוֹיבְּט] דָאס קֶעסְטְל [מִיט גֶעלְט], אוּן דִי פֶערְד! – אוּן עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן אוֹיף דֶעם וָואגְן!

[ג] אוּן דֶער נֶאֱמָן מִיט דֶעם בַּעַל־עֲגָלָה וָואס זֵיי זֶענֶען אַנְטְלָאפְן גֶעוָוארְן [דָארְט וואוּ זֵיי זֶענֶען אַנְטְלָאפְן], הָאבְּן זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶועןן: בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען פְרוּקְלַאדְן [גֶעבָּארְגְט גֶעלְט דוּרְךְ שְׁטָרוֹת] בַּיי פְּרִיצִים – נָאךְ וָואס [אִיז פַארְוָואס] זָאלְן זֵיי זִיךְ אוּמְקֶערְן [צוּרִיקְקֶערְן] אַהֵיים, זֵיי קֶענֶען [דָאךְ] קוּמֶען אִין קֵייטְן אַרַיין? – בֶּעסֶער וֶועלְן זֵיי דָארְט בְּלַייבְּן (דָארְט וואוּ זֵיי זֶענֶען אַהִין אַנְטְלָאפְן גֶעוָוארְן), אוּן וֶועלְן דָארְט זַיין, אַ נֶאֱמָן אוּן אַ בַּעַל־עֲגָלָה!

אוּן דֶער [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער זוּהְן, דֶער הִינְקֶעדִיגֶער] וָואס הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין, וָואס עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן אוֹיף דֶעם וָואגְן – כָּל־זְמַן [וִוילַאנְג] עֶר הָאט נָאךְ גֶעהַאט [אוֹיפְן וָואגְן], דִי סוּכַּארֶעס [טְרוּקֶענֶע בְּרוֹיט] וָואס עֶר הָאט מִיטְגֶענוּמֶען פוּנְדֶערְהֵיים – הָאט עֶר זֵיי גֶעגֶעסְן!

דֶערְנָאךְ אַז דָאס אִיז שׁוֹין אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט צוּ עֶסְן, הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶועןן: וָואס טוּט מֶען?! – הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן פוּן דֶעם וָואגְן, עֶר זָאל עֶסְן גְרָאז!

הָאט עֶר גֶענֶעכְטִיגְט אַלֵיין אִין פֶעלְד! – אִיז עֶר אִיבֶּערְגֶעשְׁרָאקְן גֶעוָוארְן! – אִיז בַּיי אִים אַוֶועקְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן דֶער כֹּחַ! – הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט אֲפִילוּ שְׁטֵיין, נָאר רוּקְן זִיךְ [קְרִיכְן], אוּן עֶר פְלֶעגְט עֶסְן דָאס גְרָאז, וָואס עֶס אִיז גֶעוֶועןן אַרוּם אִים!

אוּן כָּל־זְמַן [וִוילַאנְג] עֶר הָאט גֶעקֶענְט דֶערְלַאנְגְן צוּם גְרָאז אוּן עֶסְן, הָאט עֶר [דָארְט] גֶעגֶעסְן! – דֶערְנָאךְ אַז עֶס אִיז שׁוֹין אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען דָאס גְרָאז אַרוּם אִים, אַז עֶר הָאט [דָאס] שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְלַאנְגְן – הָאט עֶר זִיךְ אַוֶועקְגֶערוּקְט וַוייטֶער, אוּן הָאט וַוייטֶער גֶעגֶעסְן – הָאט עֶר אַזוֹי גֶעגֶעסְן דָאס גְרָאז אַ [שְׁטִיקְל] צַייט!

המשך פון זייט 12

# אָנְטְרֶעןקֶען בֵּייםֶער

אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט אִים אִיבֶּערְרֶעדְן, גֶעפְרֶעגְט וָואס עֶר מַאכְט. קוֹדֶם הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט קוּרְצֶע רֵייד, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער פַארְשְׁטַאנֶען אַז מֶען שִׁיקְט מִיר אוּנְטֶער אַ מִצְוָה אִים צוּ שְׁטַארְקְן. אִיךְ הָאבּ אִים גֶעפְרֶעגְט שְׁאֵלוֹת אוּן דֶערְצֵיילְט מַעֲשֶׂה׳לֶעךְ, בִּיז זַיין הַארְץ הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט אוּן עֶר רוּפְט זִיךְ אָן כַּעַסִ׳יג: ״

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט לִיבּ צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ, אַלֶעמָאל בֶּעט מֶען פוּן מִיר הֶעלְפְן אַיינְקוֹיפְן, שְׁלֶעפְּן אוּן מְסַדֵּר זַיין... כְ׳הָאבּ נִישְׁט דִי כּוֹחוֹת, אִיךְ וִויל נָאר שְׁפִּילְן!!״

נָאכְן זִיךְ צוּהֶערְן פְרֶעג אִיךְ אִים מִיט וואוּנְדֶער ״וָואס?! וֵוייסְטוּ וִוי גְרוֹיס אִיז דִי מִצְוָה אוּן זְכוּת צוּ הֶעלְפְן דִי עֶלְטֶערְן? מִיר זֶענֶען דָאךְ מִיט דֶעם מְקַיֵּים דִי תּוֹרָה לְעָבְדָהּ וּלְמַעֲשֶׂה... וֶוען אִיךְ לֵייג צוּ אַ הַאנְט אִין שְׁטוּבּ וֶוערְט מַיין הַארְץ אִיבֶּערְגֶעפוּלְט מִיט אַ גְרוֹיס פְרֵייד. אִיךְ בִּין אַ אִיד וָואס אִיז מְקַיֵּים דִי תּוֹרָה וִוי מֶען בְּרוֹיךְ, דֶער עִיקָר וָואס מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אִיז צוּ קֶענֶען עֶס מְקַיֵּים זַיין״. אַזוֹי הָאבְּן מִיר לַאנְג פַארְבְּרֶענְגְט אוּן זַייט דַאן הָאט עֶר זִיךְ אוֹיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּן אַסַאךְ חֵשֶׁק״.

סֶענְדֶער: ״אָה, זֵיידִי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי, דָאס מֵיינְט אָנְטְרֶענֶקעןבֵּייםֶער, רִיכְטִיג? דָאס בַּאַדֵייט אַז אִיךְ קֶען אוֹיךְ אָנְטְרֶענֶקען בֵּייםֶער, מְחַזֵּק זַיין חֲבֵרִים אוּן זֵיי שְׁטַארְקְן... יְישַׁר כֹּחַ זֵיידִי, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט פוּן דֶעם שְׁמוּעֶס״.

המשך פון זייט 3

## דער בלינדער אין מאסקווע

זָאל פַארְשְׁטֵיין, מְמֵילָא וֶועט עֶר וֶוערְן אַ רָגִיל, וֶועט עֶר קֶענֶען לֶערְנֶען! סְ׳אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אִידְן, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע לוֹמְדִים, אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען אַ בְּלִינְדֶער אִיד עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט דָארְטְן אִין מָאסְקֶווע, עֶר הָאט שׁוֹין גָארְנִישְׁט גֶעזֶעהְן, אַ לַמְדָן אִיז עֶר גֶעוֶוען אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען קְלָאר אִין אַלֶע ׳שִׁשָּׁה סְדָרִים׳ אוֹיסֶעוֵויינִיג!

וִויבַּאלְד עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ בְּלִינְדֶער, פְלֶעגְט עֶר הָאבְּן אַ סִימָן, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען דָארְטְן אִין מָאסְקֶווע פוּן זַיין שְׁטוּבּ בִּיז דִי גַאס - הָאט עֶר שׁוֹין אָפְּגֶעלֶערְנְט אַזוֹיפִיל פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת - הָאט עֶר גֶעוואוּסְט וואוּ עֶר גֶעפוּנְט זִיךְ! וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אִין שׁוּהְל אַרַיין הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן:

״אִיךְ הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אָפְּגֶעלֶערְנְט דֶעם סֵדֶר!״

עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת, קַיין רֶגַע אִיז עֶר נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען לֵיידִיג אָן מִשְׁנָיוֹת!

עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶערֶעדְט קַיין דִּבּוּר בָּטֵל!

אִין יְבָמוֹת אִיז דָא אַ פֶּרֶק, וָואס אִיז אַ גֶעדְרֵייטֶע פֶּרֶק, ׳אֲחָיוֹת אֲחָיוֹת׳ עֶר דְרֵייט זִיךְ, הָאט עֶר גֶעוָואלְט מִיט מִיר זֶען צוּ עֶר זָאגְט גוּט דֶעם פֶּרֶק, הָאט עֶר מִיר גֶעהֵייסְן אַז אִיךְ זָאל אַרַיינְקוּקְן, אוּן עֶר זָאל זָאגְן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט גוּט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין טָעוּת! אִיךְ גֶעדֶענְק גוּט!

:pe ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די דריטע מעשה - דער הינקעדיגער (1)

**א. וואס האט דער חכם געלאזט צוואה פאר זיינע קינדער?**
- ❑ צו פלאנצן פרוכט
- ❑ צו אקערן פעלדער
- ❑ צו אנטרונקעןביימער

**ב. וואס האט דער חיגר יא געקענט?**
- ❑ גיין
- ❑ שטיין
- ❑ לויפן

**ג. פון וואו האט דער זון געהאט פרנסה?**
- ❑ ער האט באקומען פון גבאי צדקה
- ❑ ער האט נישט געהאט וואס צו עסן
- ❑ די ברודער האבן אים געגעבן

**ד. וועמען האט ער מיטגענומען אויפ'ן וועג?**
- ❑ א בעל עגלה
- ❑ א נאמן
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. וואס האט פאסירט אינמיטן וועג?**
- ❑ א גזלן האט זיי באפאלן
- ❑ גזלנים זענען זיי אנגעפאלן
- ❑ די וואגן האט זיך צובראכן

**ו. ווער איז אנטלאפן?**
- ❑ דער חיגר און דער נאמן
- ❑ דער נאמן און דער בעל עגלה
- ❑ דער חיגר דער נאמן און דער בעל עגלה

**ז. וואס האט ער געגעסן ווען ס'האט זיך געענדיגט די עסן פון וואגן?**
- ❑ ער האט געטראפן ברויט
- ❑ ער האט נאר געטרונקען
- ❑ גראז

**ח. נאכדעם וואס ער האט גענעכטיגט אין פעלד האט ער געקענט שטיין?**
- ❑ ער האט צוריק אנגהויבן צו גיין
- ❑ ער האט געקענט שטיין
- ❑ ער האט נאר געקענט זיך רוקן

**ט.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ איינמאל
- ❑ צווימאל
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

אוואו נאך ווערט דערמאנט אין ספורי מעשיות אויף איינער וואס האט נישט געהאט פיס ?

וואסארא זאך וואס עס איז דערמאנט דא - ווערט דערמאנט אויבט אין די פריערדיגע מעשה ?

### תשובות אויף די פריערדיגע וואך

אוואו נאך שטייט אין די הייליגע ספרים פון דער רבי "אִישׁ לֹא יִהְיֶה נֶעְדָּר" ? חיי מוהר"ן קכ"ו, אויף ראש השנה

וואס האט די בילדער מיט אונזער מעשה ?

נַאדִיר אָפּ דַיין שִׁיף — קְוַואלִין אַרוּם אוּן אַרוּם — וֶועלִין זַיי נֶעמֶען גְרוֹיסֶע מַתָּנוֹת

  

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040

# אַנְטְרֶעְנְקֶען בֵּיימֶער

מִיר גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד הֵייבְּן מִיר אָן דִי דְרִיטֶע מַעֲשֶׂה. דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אוּנְז אִיבֶּער אַ מֶענְטְש וָואס הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אַ 'חָכָם'. עֶס אִיז גֶעקוּמֶען זַיין צַייט זִיךְ גְרֵייטְן צוּ גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט אוּן צוּרִיקְגֶעבְּן זַיין נְשָׁמָה פַארְן בּוֹרֵא עוֹלָם. אָבֶּער עֶר הָאט אַ וִויכְטִיגֶע אָנְזָאג פַאר זַיינֶע קִינְדֶער, אַ צַוָואָה וִוי עֶר בֶּעט פוּן זֵיי אֵיין בַּקָשָׁה: "אִיר זָאלְט זֶען צוּ אָנְטְרֶעְנְקֶען בֵּיימֶער".

דֶער חָכָם אִיז דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק וָואס לֶערְנְט אוּנְז שֵׂכֶל אוּן עֵצוֹת וִויאַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער. וָואס אִיז דִי צַוָואָה וָואס עֶר הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעלָאזְט? 'אָנְטְרֶעְנְקֶען בֵּיימֶער'. אַ בּוֹים וַואקְסְט נָאכְן אַרֵיינְלֵייגְן קֶערְנְדְלֶעךְ אִין דֶער עֶרְד, דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע שְׁטַאפְּל, אָבֶּער וַוייט פוּן גֶענוּג, דָאס בַּאגִיסְן דֶעם בּוֹים, מֶען גִיסְט אוּן מֶען טְרֶענְקְט אִיר אָן דָאס בְּרֶענְגְט צוּ זִי זָאל שְׁפְּרָאצְן וַואקְסְן אוּן בְּלִיעֶן.

אוֹיךְ אוּנְז לֶערְנְט דֶער רֶבִּי - מִיר זָאלְן אָנְטְרֶעְנְקֶען בֵּיימֶער. רֶעדְן גוּטֶע רֵייד צוּ דִי חֲבֵרִים, זֵיי לֶערְנֶען דִי עֵצוֹת וָואס מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט בַּיים צַדִיק וִויאַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוּן זֵיי מְחַזֵק זַיין מִיט לִיבְּשַׁאפְט מִיט וֶוערְטֶער וָואס אִיז מְחַזֵק אוּן שְׁטַארְקְט.

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר **וואלף שווארטץ** הי"ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב



סֶענְדֶער הָאט גֶעלֶערְנְט דִי מַעֲשֶׂה אוּן נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס הָאט אָנְטְרֶעְנְקֶען בֵּיימֶער שַׁייכוּת צוּ אִים - אַ אִינְגְל פוּן כִּתָּה ו'. נָאר פוּנְקְט הָאט עֶר גֶעהַאט אַ שְׁמוּעֶס מִיט זַיין זֵיידְן.

יֶעדְן מִיטְוָואךְ פָארְט סֶענְדֶער'ל בַּאזוּכְן זַיין אַלְטְן זֵיידְן, לֶערְנֶען צוּזַאמֶען מִשְׁנָיוֹת, וֶוען אִינְדֶערְצְווִישְׁן פְלֶעגְט דֶער זֵיידֶע אַרַיין מַעֲשִׂיוֹת פוּן אַמָאל, עֶר בְּרֶענְגְט אַרוֹיף אַלְטֶע גֶעשְׁמַאקֶע זִכְרוֹנוֹת.

"וָואס מַאכְסְטוּ מַיין טַייעֶרֶער אֵיינִיקְל סֶענְדֶער? דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז אִיךְ בִּין אַ בֵּן יָחִיד צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְכֶע זֶענֶען אַרִיבֶּער דֶעם שְׁרֶעקְלִיכְן קְרִיג אִין אֵייראָפֶּע. אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זַייֶענְדִיג אַ קִינְד אִין דַיינֶע יָארְן פְלֶעג אִיךְ גָאר אַסַאךְ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ, רוֹב מָאל פְלֶעג אִיךְ גֵיין אַיינְקוֹיפְן, עֶרֶב שַׁבָּת בִּין אִיךְ אַרוֹיס אִין וַוייטְן מַארְק קוֹיפְן וַויין, יְרָקוֹת, מֶעל אוּן אַלֶע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן, וִויסְנְדִיג אַז מַיין מוּטֶער הָאט נִישְׁט דִי כּוֹחוֹת צוּ גֵיין אַלֵיין אִין גֶעשֶׁעפְט.

אֵיין טָאג בַּאגֶעגְן אִיךְ אִין מַארְק, וֵוייסְטוּ וֶועם? מַיין חָבֵר קַלְמָן וָואס לֶערְנְט אִין מַיין כִּתָּה. אוֹיף זַיין בַּאקְן דֶערְקֶענְט זִיךְ אַפָּאר זַאלְצִיגֶע טְרֶערְן, עֶר וֵויינְט יָאמֶערְלִיךְ. אִיךְ הָאבּ צוּגֶעטְרָאטְן צוּ אִים מִיט אַ לִיבְּלִיכֶע שְׁמֵייכְל, עֶר הָאט אָבֶּער אוֹיסְגֶעזֶען זֵייעֶר אוֹיפְגֶעבְּרוֹיזְט אוּן אוֹיפְגֶערֶעגְט.

המשך אויף זייט 8